בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה
צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, שבת
קודש פרשת ויגש, שנת תשפ"ב לפרט קטן,
אין ירושלים עיר הקודש תובב"א.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

## היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש

### וויליאמסבורג

**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש

### באראפארק

**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש

### קרית יואל

**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש

### קרית יואל

**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש

### בלומינגראוו

**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש

### מאנסי

**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**

181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

**שבת קודש פרשת ויגש, שנת תשפ"ב לפרט קטן, האט דער ראש ישיבה שליט"א געוויילט אין ירושלים עיר הקודש תובב"א, מחזק זיין אנשי שלומינו פון ארץ ישראל.**

ליל שבת קודש נאך די סעודה זענען זיך צאמגעקומען אנשי שלומינו צו הערן דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א; קודם האט מען געזינגען זמירות און אויך אידישע ניגונים דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריין אין א הערליכע שמועס פול מיט התחזקות אויף רעדן צום אייבערשטן און נאך.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן:

איך האב גארנישט וואס צו מחדש זיין, אלעס וואס איך רעד, זאג איך נאר נאך וואס איך האב זוכה געווען צו הערן פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו; דערפאר אפילו איך זאג נישט יעדע זאך באזונדער "בשם מוהרא"ש" - איז דאס אבער פון זיינע הייליגע דיבורים.

## ער האט זיך דערהאלטן

די וואך האבן מיר די מעשה פון יוסף הצדיק אין מצרים; מוהרא"ש זכותו יגן עלינו פלעגט אראפלייגן לעבעדיג דעם 'יוסף הצדיק', ווי זייענדיג א בחור פון בלויז זיבעצן יאר אלט האבן אים די ברידער פארקויפט קיין מצרים, וואס איז געווען אן ערות הארץ, ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנא דבי אליהו רבא, פרק ז) די מצריים זענען די ערגסטע אין שמוץ, און מיט די אלע גרויסע נסיונות האט ער זיך דערהאלטן און געבליבן 'יוסף הצדיק'. ווי רש"י זאגט (בראשית מה, ד) ווען יוסף האט זיך אנטפלעקט צו זיינע ברידער האט ער זיי געוויזן אז ער איז גע'מל'עט, פרעגן אלע, וואס איז דער סימן פון מילה, די ישמעאלים זענען דאך אויך גע'מל'עט? זענען די הייליגע ספרים מסביר, אז דאס גייט ארויף אויפ'ן דיבור, יוסף הצדיק האט געהאט א ריינע מויל, וואס דאס ווייזט אויף

קדושת הברית, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א, סימן כט) אז דער דיבור גייט צוזאמען מיט קדושת הברית - און דאס איז געווען דעם סימן אז ער איז געבליבן ערליך.

## ער האט גערעדט צום אייבערשטן

דארפן מיר פארשטיין וואס איז טאקע געווען יוסף הצדיק'ס כח ווי אזוי ער האט זיך געקענט דערהאלטן אינעם ערות הארץ מיט די גרעסטע נסיונות? נאר ער האט שטענדיג גערעדט צום אייבערשטן, דאס האט אים געגעבן די שטארקע כחות זיך צו קענען דערהאלטן מיט זיינע שווערע נסיונות. אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן (בראשית רבה פו, ה; תנחומא וישב, ח) אויפ'ן פסוק (בראשית לט, ב): "וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי ה' אִתּוֹ", ווי אזוי האט דער גוי טמא פוטיפר געוואוסט אז דער אייבערשטער איז מיט יוסף? נאר ער האט אים געזען שטענדיג ווי זיינע ליפן שאקלען זיך, ער האט אים געפרעגט, וואס מיינט דאס אז דיינע ליפן שאקלען זיך שטענדיג, דו מאכסט כישוף? ביז יוסף האט אים מגלה געווען און געזאגט: "איך רעד צום אייבערשטן, אים בעט איך 'תְּנֵנִי לְחֵן וּלְחֶסֶד וּלְרַחֲמִים בְּעֵינֶיךָ וּבְעֵינֵי כָּל רוֹאַי וּבְעֵינֵי פּוֹטִיפַר אֲדוֹנִי', העלף מיר אייבערשטער איך זאל האבן חן אין די אויגן פון מיין הער פוטיפר"; זיין התבודדות, זיין רעדן צום אייבערשטן דאס האט אים געשטארקט אין אלע זיינע שוועריקייטן.

## זיך ווענדן צום אייבערשטן

דארפן מיר דאס נאכטון, זיך ווענדן צום אייבערשטן אין יעדן געלעגנהייט; סיי אויף צו געפונען חן אין די אויגן פון א בעל הבית ביי די ארבעט, צו בעטן דעם אייבערשטן: "הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל געפונעם חן אין די אויגן פון מיין בעל הבית, ער זאל מיך נישט אנשרייען", און אזוי אויך אין יעדן מצב, ברוחניות און בגשמיות.

## נטע פון אומאן

מוהרא"ש דערציילט, עס איז געווען א יונגער בחור וואס איז אנגעקומען אין אומאן, מען האט אים גערופן 'נטע פון אומאן', ער האט זיך געדריידט צווישן אנשי שלומינו, דארט האט ער געהערט די זאך פון התבודדות, פון רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך. נאכדעם האבן אים די רוסן ימח שמם פארכאפט קיין סיביר, ער האט דארט באקומען אן אמט אין א אפיס, צו באדינען די רוסישע גענעראלן, דארט איז אויך געווען פארכאפט א גוי'שע מיידל, א גלח'ס טאכטער, און זי האט אים געמוטשעט טאג נאך טאג, קום טון מיט מיר אן עבירה, זי האט אים געזאגט: **"לאז אפ אידישקייט; דא אין סיביר וועט קיינער נישט וויסן וואס מיר טוען, פון דא גייט קיינער נישט אהיים".**

## "טאטע, ראטעווע מיר!"

דער בחור נטע האט נישט געוואוסט וואס צו טון, ער האט געשפירט ווי עס ענדיגט זיך זיין לעבן, ער שטייט פאר א שרעקליכע נסיון, ער גייט פאלן אין א טיפן אפגרינד. האט ער זיך דערמאנט פון די עצה פון התבודדות, איז ער ארויס פון אפיס זיך באהאלטן אין פעלד און געשריגן צום אייבערשטן: **"רבונו של עולם, ראטעווע מיך! איך שפיר ווי איך האב נישט די כחות פאר דעם, איך ווער פארברענט! איך בעט דיר זייער, אדער זאלסטו מיר ארויסנעמען מיין נשמה, אדער מאך א נס אז איך זאל עומד זיין בנסיון"**, אזוי איז געווען טאג נאך טאג, זי האט אים געמוטשעט און ער איז געגאנגען התבודדות, שרייען צום אייבערשטן: **"טאטע, ראטעווע מיר!"**

## א צדיק - דער בחור!

אזוי האט דאס אנגעהאלטן ביז דער אייבערשטער האט געמאכט א נס, די רוסן ימח שמם האבן אים באפרייט, פאר ער איז אוועק פון

דארט האבן זיי אים געמאכט א מסבת פרדה, האט דאס גוי'שע מיידל, די קליפה - געבעטן אז זי וויל זאגן אפאר ווערטער לכבוד די געזעגענען, און זי האט געזאגט: **"אויב איז דא אויף די וועלט א צדיק, איז עס דער בחור! איך האב אים געמוטשעט טאג טעגליך, און ער האט מיך נישט צוגעהערט".**

## ווען נישט התבודדות...

נטע איז צוריק געקומען קיין אומאן און ער האט דערציילט זיין איבערגייעכטס, ער האט דערציילט וואס פאר א נסיון ער האט דארט געהאט. מוהרא"ש דערציילט, ער האט אליינס געהערט פון עלטערע ברסלב'ער חסידים אז זיי האבן אלע געוויינט ווען ער האט דערציילט זיין געשיכטע, זיי האבן אים געפרעגט פון וואו ער האט געהאט די כחות? האט ער געזאגט: **"פון ענק, פון התבודדות; ווען איך וויס ווען נישט די עצה פון התבודדות - וואלט איך אראפגעפאלן"**; אזוי ווי יוסף הצדיק האט עומד געווען בנסיון מיט די עצה פון התבודדות, די ליפן זיינע האבן נישט אויפגעהערט צו שעפשען תפילות, תחנות און בקשות.

## פיר שעה אין א צי התבודדות!...

דאס איז די איינציגסטע עצה ווי אזוי מען קען זיך אפהיטן פון שלעכטס, מען גייט אין א זייט און מען בעט דעם אייבערשטן. עס איז דא אין ברסלב מענטשן וואס רעדן פון שווערע עבודות, מען זאל גיין מאכן התבודדות פיר שעה אין א צי, און דערפאר טוט מען גארנישט, אבער מוהרא"ש האט שטענדיג גערעדט פון רעדן צום אייבערשטן איין מינוט, ווייל דאס איז א זאך וואס יעדער איינער קען טון, גיי אין א זייט בעט דעם אייבערשטן: **"הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל זיין אן ערליכער איד".**

## שווערע עבודות

און דאס איז געווען די זאך וואס האט מיר מקרב געווען צום רבי׳ן; ווען איך געווארן בר מצוה האב איך זייער שטארק געוואלט זיין אן ערליכער איד, איך האב געזוכט א וועג ווי אזוי צו ווערן נאנט צום אייבערשטן. איך האב זוכה געווען אויפצואוואקסן ביי מיין זיידע, דער קארלסבורגער רב זכרונו לברכה, איך האב אים משמש געווען, איך האב געזען זיין עבודה, זיינע תעניתים, זיינע סיגופים, ווי ער האט געדינט דעם אייבערשטן מיט מסירות נפש, ער איז נישט געשלאפן אין בעט קיין איין נאכט, ער איז געזיצן און געלערנט יומם ולילה, געזיצן א גאנצן טאג מעוטר בטלית ותפילין, געלאפן אין מקוה צענדליגער מאל א טאג. איך האב געזען זיינע עבודות און איך האב פארשטאנען אז א צדיק קען מען נאר ווערן דורך די שווערע עבודות, דורך פאסטן, סיגופים און אזוי ווייטער, איך האב דאס פרובירט נאך צו טון, עס איז מיר אבער נישט געגאנגען.

## איך דארף שוין נישט קיין לייטער

איך האב פרובירט צו קוקן אין ספרים פון צדיקים אבער איך האב געזען וועגן אין עבודת השם, אבער מען דארף האבן א לייטער צו קענען אנגעקומען צו דעם, ביז דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט אויף מיר, און איך האב געפונען דעם צדיק מוהרא״ש זכותו יגן עלינו וואס האט מיר געעפנט א נייע וועלט, איך דארף שוין נישט קיין לייטער, דער רבי לאזט זיך אראפ, און געבט מיר א וועג צו דינען דעם אייבערשטן דא אויף די וועלט, מען קען עסן, שלאפן, זיין א מענטש צווישן מענטשן, און זיין דבוק צום אייבערשטן. מוהרא״ש האט מיר געלערנט אז עס איז דא א וועג צו ווערן אן ערליכער איד - דורך רעדן צום אייבערשטן, דורך שמועסן מיט׳ן אייבערשטן; דורך התבודדות ותפילה - ווערט דער מח צוגעקלעבט צום אייבערשטן.

## מוהרא"ש'ס ליפן שאקלען זיך

מיין הארץ האט אלץ געצויגן צו ברסלב, נאך אלס קינד האב איך באמערקט ווי די ברסלב'ער חסידים האבן א ספעציעלע חן, אויך האב איך געהאט אין מיין משפחה א פעטער א ברסלב'ער חסיד. איך געדענק איינמאל האב איך באגלייט מיין זיידע דער קארלסבורגער רב זכרונו לברכה צו א שבע ברכות וואס מוהרא"ש האט געמאכט פאר אן אייניקל, (עס איז געווען אין די תקופה וואס מוהרא"ש האט נישט געקענט פארן קיין ארץ ישראל, איז ער געגאנגען מחזק זיין מוהרא"ש), האב איך געפרעגט איינעם 'ווער איז מוהרא"ש?' האט מיר יענער געוויזן, האב איך געזען ווי מוהרא"ש'ס ליפן שאקלען זיך די גאנצע צייט, ער רעדט צום אייבערשטן; דאס האט מיר זייער איבער גענומען, ווי מוהרא"ש איז דבוק צום אייבערשטן, אפילו זייענדיג אויסגעמישט צווישן מענטשן.

## ווער רעדט דען נישט צום אייבערשטן?...

בעפאר איך האב געעפענט די ישיבה האב איך געלערנט אין א כולל פון דיינים, איך האב גע'פסק'ענט שאלות, האבן מיר מיינע חברים געפרעגט: "וואס איז געשען מיט דיר?" זיי האבן זיך צוגעהערט צו מוהרא"ש'ס שיעורים אויפ'ן טעלעפאן, און מיר געפרעגט: **"מוהרא"ש רעדט דאך פשוט'ע זאכן; פון אמונה און פון רעדן צום אייבערשטן, ווער רעדט דען נישט צום אייבערשטן?..."** עס איז טאקע וואר אז מוהרא"ש רעדט פשוט'ע ווערטער, אבער די פשוט'ע ווערטער ברענגען מיר צום אייבערשטן, מוהרא"ש רעדט זאכן וואס איך קען טון לעובדא ולמעשה.

## אלע תלמידים ערליכע אידן

מוהרא"ש דערציילט, ער האט געהאט א מלמד א ברסלב'ער חסיד, ר' יעקב קאלמענאוויטש זכרונו לברכה, ער פלעגט אריין לייגן אין די קינדער זייער שטארקע אמונה. די חדר איז געווען אין א שול און ווען א

קינד האט עפעס געדארפט פלעגט דער מלמד נעמען דאס קינד און אים שטעלן ביים ארון הקודש, ער האט געהייסן דאס קינד קישן דעם פרוכת, ער האט אים פארגעזאגט א תפילה און אים געהייסן נאכזאגן ווארט ביי ווארט; אזוי האט ער אריינגעברענגט אין די קינדער די זאך פון תפילה, אז ווען מען דארף עפעס זאל מען צוגיין צום ארון הקודש, געבן א קיש דעם פרוכת און בעטן פונעם אייבערשטן וואס מען דארף. אזוי זענען אלע זיינע תלמידים אויסגעוואקסן ערליכע אידן.

## בעטס דעם אייבערשטן

ביי אונז אין תלמוד תורה לייגט מען דאס אריין אין די קינדער פון קליינוויז אן, אלע קינדער לעבן מיט ׳מעשיות פון תפילה׳, זיי דערציילן ווי זיי האבן געבעטן דעם אייבערשטן זייערע זאכן, בייקס, האווערבאורד׳ס און סעגוועי׳ס וכדומה, און זיי האבן עס באקומען. און אזוי טו איך אויך מיט מיינע קינדער, ווען זיי בעטן מיר א שפילצייג זאג איך זיי: ״איך האב גארנישט; בעטס דעם אייבערשטן״, און זיי בעטן פונעם אייבערשטן, און זיי באקומען עס, אמאל פון זייער מלמד און אמאל פון די עלטערן.

## משיח וועט דערציילן

ברסלב׳ער חסידים האבן אסאך מעשיות ווי אזוי זיי שטארקן זיך איבער שוועריקייטן און נסיונות וכו׳, דאס זענען זאכן וואס מען קען נישט דערציילן פאר קיינעם, ווען משיח וועט קומען וועט ער דאס דערציילן.

## קוים געעפנט א שפאלט

רבי נחמן טולטשינער זכרונו לברכה איז אמאל געווען זייער געדרוקט אין געלט, האט ער זיך דערמאנט אז ער האט א פעטער א

גרויסער עושר, וואס וואוינט אין אודעסא, האט ער באשלאסן זיך ארויס צו לאזן אויפ'ן וועג צום פעטער, די וועג איז געווען זייער א שווערע און א לאנגע וועג, נאך עטליכע וואכן איז ער אנגעקומען צום שטאט, איז ער גלייך צוגעפארן צו זיין פעטער'ס הויז, און געקלאפט אויפ'ן טיר, ווען דער פעטער איז געקומען צום טיר, האט ער קוים געעפנט א שפאלט, און רבי נחמן האט אנגעהויבן רעדן ווילנדיג דערציילן פארוואס ער איז געקומען וכו', רופט זיך דער פעטער אן צו אים: **"יעצט בין איך זייער פארנומען איך האב נישט קיין צייט פאר דיר, קום צוריק א צווייטע מאל"**, און ער מאכט צו דעם טיר, רבי נחמן איז געווארן זייער צעבראכן זעענדיג ווי זיין גאנצע נסיעה האט זיך אויסגעלאזט מיט גארנישט, האט ער אנגעהויבן צוריק צו גיין אהיים.

## אז מען האט נישט קיין פרנסה גייט מען צום אייבערשטן

אויפ'ן וועג אהיים האט ער זיך אפגעשטעלט אין א דערנעבנדיגער דארף צו דאווענען מעריב, ביים דאווענען האט ער זיך אויסגעגאסן זיין הארץ צום אייבערשטן פון טיפעניש פון הארץ, און האט תשובה געטון אויף דעם וואס ער פארגעסן פונעם אייבערשטן און זיך פארלאזט אויף א בשר ודם. דער גבאי פונעם בית המדרש האט דאס באמערקט, האט ער געטראכט צו זיך 'מן הסתם איז דער איד פון די ל"ו צדיקים', איז ער ארומגעגאנגען צאמנעמען געלט פון די מענטשן פון דארף זאגענדיג אז דאס געלט גייט פאר איינע פון די ל"ו צדיקים, דערנאך האט ער איבער געגעבן דאס געלט פאר רבי נחמן. ווען רבי נחמן איז אנגעקומען אהיים איז ער אריין צו זיין רבי, רבי נתן זכרונו לברכה, רבי נתן האט דאך אלעס געזען, האט ער זיך אנגערופן צו רבי נחמן: **"נחמן, ווען מען האט נישט קיין פרנסה גייט מען קיין אודעסא? אז מען האט נישט קיין פרנסה גייט מען צום אייבערשטן!"**

## הונגער ברענגט צו כעס

עס שטייט אין די תורה, ווען די ברידער האבן אריין געווארפן יוסף הצדיק אין גרוב (בראשית לז, כה): "וַיֵּשְׁבוּ לֶאֱכָל לֶחֶם", האבן זיי זיך געזעצט עסן א סעודה. פרעגט דער הייליגער בני יששכר זכר צדיק לברכה (אגרא דכלה, פרשת וישב) ווי אזוי קען זיין די הייליגע שבטים זאלן זיך זעצן עסן א סעודה און זיך פרייען ווען זייער ברידער ליגט אין גרוב, אפילו די סנהדרין טארן נישט עסן דעם טאג ווען זיי האבן גע'הרגע'ט איינעם (עיין סנהדרין סג.)? איז ער מסביר, די שבטים האבן דאס געטון צוליב זייער ערליכקייט, אזוי ווי דער הייליגער רבי ר' מענדל מרימנוב זכותו יגן עלינו זאגט, אז א מענטש זאל נישט אהיים קומען הונגעריגערהייט, ווייל הונגער ברענגט צו כעס, קודם זאל ער עפעס עסן און דערנאך אהיימגיין, דערפאר נאכ'ן ארייןווארפן דעם יוסף אין גרוב האבן די שבטים אריין געטראכט 'אפשר האבן מיר דאס געטון מיט כעס, און נישט ווייל עס קומט זיך אים באמת', האבן זיי זיך געזעצט עסן כדי זיי זאלן עס קענען איבער טראכטן נאכאמאל מיט א רואיגקייט.

דאס איז דער טעם פארוואס מיר פירן זיך צו מאכן קידוש שבת אינדערפרי נאכ'ן דאווענען, כדי מען זאל נישט אהיים גיין הונגעריג.

## העלף מיר איך זאל זיך נישט אויפרעגן

מוהרא"ש האט אונז אויסגעלערנט נאך אן עצה זיך נישט אויפצורעגן אינדערהיים, די עצה פון 'התבודדות', פאר מען קומט אהיים זאל מען לייגן די האנט אויף די מזוזה געבן א קוש און זאגן: "יישר כח אייבערשטער אז דו האסט מיר אהיים געברענגט געזונטערהייט; איך בעט דיר, קום מיט מיר, העלף מיר איך זאל זיך נישט אויפרעגן", דאס צו זאגן געדויערט נישט לאנג, עס נעמט איין מינוט, און עס העלפט. אזוי אויך זאגט מוהרא"ש, פאר מען גייט ארויס פון שטוב זאל מען לייגן

די האנט אויף די מזוזה און בעטן: "הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל צוריק אהיים קומען בשלום", און אויב מען איז שוין חתונה געהאט, מען האט א ווייב און קינדער, זאל מען צולייגן: "הייליגער באשעפער העלף מיר אז איך און מיין ווייב און קינדער זאלן אלע אהיים קומען בשלום".

## בארואיגונג פילן...

מוהרא"ש פלעגט זאגן: "כל זמן א מענטש רעדט זיך איין דער וועט אים העלפן, יענער וועט אים העלפן - איז ער א גרויסער רחמנות"; א רחמנות אויף דער וואס פארלאזט זיך אויף אנדערע, די איינציגסטע עצה צו האבן א גוט לעבן, איז זיך צו פארלאזן אויפ'ן אייבערשטן. היינט איז געווארן א נייע צרה מיט'ן נאמען 'טערעפי'; יעדעס קינד, יעדעס בחור שיקט מען אויף הילף, און מען געב זיי 'בארואיגונג פילן', אנשטאט די מלמדים און טיטשערס זאלן ארבעטן שווער מיט די קינדער, ארײנלייגן אין זיי די גאנצע הארץ - איז די גרינגסטע און שנעלסטע וועג פאר זיי צו זאגן פאר די עלטערן: "דאס קינד דארף הילף", און אז א קינד איז לעבעדיג דארף דאס קינד שטארקע הילף, מען געבט אים פילן וואס שלעפט אים איין, און אז דאס קינד איז איידל און שטיל, דארף דאס קינד אויך הילף; אז דאס קינד וויל נישט מיט דאווענען דארף מען שוין גיין צו א גרויסער מומחה און אזוי ווייטער; ווען עס איז אלעס הבל הבלים, ווייל קינדער קענען זיין טאנצעדיג און קינדער קענען זיין איידל, קינדער ווילן נישט דאווענען און קינדער קריגן זיך, און די ארבעט פון די מלמדים, טיטשערס און עלטערן איז זיי מחנך זיין און זיי אויסארבעטן זיי זאלן אויפוואקסן מיט גוטע מידות, נישט מאכן די קינדער פאר פראבלעמען.

## מען וואלט מיר געגעבן אלע סארט פילן...

איך האב געהאט א גרויסער נס אז דאס איז נאכנישט געווען אין מיינע צייטן, ווייל ווען יא וואלט מען מיר געגעבן אלע סארט פילן וואס איז דא... איך בין געווען א ווילדער בחור, מען האט מיר געווארפן פון עטליכע ישיבות, מוהרא״ש פלעגט אויך זאגן ביי די שיעורים אז ער איז געווען א ווילדער בחור.

## דאס איז נישט קיין פראבלעם

היינט איז צוגעקומען א אינגערמאן צו מיר און געוויינט אז זיין זון, א בחור, וויל נישט גיין אין ישיבה, האב איך אים געזאגט: פריי זיך; אז א בחור וויל נישט גיין אין ישיבה איז דאס נישט קיין פראבלעם, עס איז נארמאל אז קינדער און בחורים זאלן נישט ליב האבן צו גיין לערנען, מען דארף נישט געבן קיין פילן דערפאר, אפשר פארקערט, ווען א קינד וויל יא גיין פילן זאל מען טראכטן וואס גייט פאר מיט אים...

## יא ישיבה אדער נישט ישיבה

א בחור האט מיר געבעטן א ברכה אז מען זאל אים אננעמען אין ישיבה קומענדיגע זמן, האב איך אים געזאגט: **״דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זיין אן ערליכער איד״**, דער בחור האט זיך געוואונדערט וואס איך וואונטש אים נישט אויף וואס ער האט געבעטן, אבער דער אמת איז, יא ישיבה אדער נישט ישיבה, וואו אימער מען איז דארף מען לערנען, אז מען האט דיר געווארפן פון ישיבה דארפסטו אויך לערנען, נעם דעם רבי׳נס ׳סדר דרך הלימוד׳ (עיין שיחות הר״ן סימן עו), און לערן ח״י פרקים משניות, און אלע אנדערע שיעורים, מוהרא״ש האט אונז געלערנט א כלל: **״אז דו דארפסט מיר נישט, דארף איך דיר טויזענט מאל נישט״**, לויף קיינעם נישט נאך.

## אזא זיסע דרך הלימוד

דער רבי האט אונז דאך געגעבן אזא זיסע דרך הלימוד, דער רבי זאגט (שם): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִימּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד וּמִמֵּילָא יָבִין", עפן א גמרא און זאג די הייליגע ווערטער פון די גמרא. לעצטנס איז ארויס געקומען א קונטרס פון איינער וואס פאררופט זיך א ברסלב'ער חסיד, ער שרייבט אז ער וויל מיט דעם קונטרס ראטעווען דעם דור, ווייל ליידער האט זיך געעפנט א ישיבה וואס מען זאגט דארט משניות... איך קען ענק צוזאגן אז דער מחבר האט נאך קיינמאל אין זיין לעבן נאכנישט געענדיגט ששה סדרי משנה, און אויך נישט ליקוטי מוהר"ן!

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן ווען מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.

**שבת קודש אינדערפרי האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט די הקדמה פון ספר הקדוש פעולת הצדיק, וואו מוהרא"ש ברענגט דעם רבינ'ס ווערטער (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן כט) אז מען רעדט פון שבח הצדיקים ווערט נתרומם הדעת.**

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן:

## די לעבנסגעשיכטע פון הייליגן רבי'ן

אין ספר פעולת הצדיק ווערט דערציילט די לעבנסגעשיכטע פון הייליגן רבי'ן; עס איז זייער גוט דאס צו לערנען, מען זאל לעבן מיט'ן רבי'ן, און וויסן וואס האט פאסירט במשך זיין גאנצע לעבן. דארט וועט מען אויך זען (עיין פעולת הצדיק סימן סה) אז דער רבי האט חתונה געהאט זייענדיג בלויז דרייצן יאר אלט, אזוי ווי עס איז געווען די סדר ביי אלע צדיקים צו חתונה האבן יונגערהייט.

מוהרא"ש הייבט אן די הקדמה מיט די ווערטער פון רבי'ן (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן כט): "**עַל־יְדֵי שֶׁבַח הַצַּדִּיקִים, כְּשֶׁמְּשַׁבְּחִין וּמְפָאֲרִין אֶת הַצַּדִּיקִים, עַל־יְדֵי־זֶה נִתְרוֹמֵם הַדַּעַת, וזוכה, שדבורו נִשְׁמָע וְנִתְקַבֵּל**", אז מען רעדט פון דאס גרויסקייט פון צדיקים, ווערט אנגענומען וואס מען זאגט.

## פאראמפערט מיט די רעגירונג

מוהרא"ש ברענגט א מעשה (אין ספר פעולת הצדיק אות תקצד): עס איז געווען א איד אין רבינ'ס צייטן וואס האט געמאכט א געשעפט מיט די פריצים פון וויניצע, ער האט זיך אונטער גענומען צוצושטעלן מעל פאר די מיליטער, למעשה איז דאס זיי נישט געפאלן, ער האט זיך פאראמפערט מיט די רעגירונג און עס האט אים געווארט א משפט פון דיני נפשות; חוץ די געלט וואס זיי האבן פארלאנגט פון אים האבן זיי

אים פערזענליך געוואלט שעדיגן.

## צום רבי'ן אויף שבועות

דאס איז געווען פאר דעם יום טוב שבועות האט דער איד געטראכט אז ער וועט פארן צום רבי'ן אויף שבועות וועט ער זיך קענען דורך שמועסן מיטן רבי'ן וואס צו טון; יענעם יאר, שנת תקס"ו האט דער רבי געזאגט די תורה: "**הַאי גַּבְרָא דְּאָזֵל בָּעֵי אִתְּתָא וְלָא קָיָהֲבִי לֵהּ** (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן כט)", דער איד האט זיך גוט צוגעהערט צו די תורה, און ער האט געהערט ווי דער רבי זאגט: "**לֹא כָּל דִּבּוּר נִקְרָא דִּבּוּר, כִּי דִּבּוּר שֶׁאֵינוֹ נִשְׁמָע וְנִתְקַבֵּל אֵינוֹ נִקְרָא דִּבּוּר**", ווען מען רעדט און קיינער הערט נישט אויס וואס מען רעדט, הייסט עס כאילו מען האט נישט גערעדט. נאר ווען מען הערט אויס וואס מען רעדט דעמאלט איז א סימן אז דער מענטש רעדט, אזוי ווי עס שטייט (תהלים יט, ד): "**אֵין אֹמֶר וְאֵין דְּבָרִים – בְּלִי נִשְׁמָע קוֹלָם**".

## מען רעדט פון דאס גרויסקייט פון צדיקים

וואס איז די עצה מען זאל וועלן אויסהערן דעם מענטש ווען ער רעדט? זאגט דער רבי: "**וְעִקַּר מַה שֶּׁנִּתְקַבֵּל הַדִּבּוּר, הוּא מֵחֲמַת הַטּוֹב שֶׁיֵּשׁ בּוֹ, כִּי טוֹב הַכֹּל חֲפֵצִים**", אלע האבן ליב צו הערן גוטע ווערטער, ווען מען רעדט גוטע ווערטער הערט מען צו וואס מען רעדט, "**וְעַל כֵּן כְּשֶׁיֵּשׁ טוֹב בְּהַדִּבּוּר, אֲזַי הַדִּבּוּר נִשְׁמָע וְנִתְקַבֵּל**", דעריבער, ווען מען רעדט גוטע ווערטער וועלן אלע צוהערן וואס מען רעדט, "**אֲבָל כְּשֶׁאֵין טוֹב בְּהַדִּבּוּר אֵינוֹ נִתְקַבֵּל**", אבער אויב רעדט מען נישט קיין שיינע ווערטער וועט מען דאס נישט אננעמען, "**וְאֵיךְ עוֹשִׂין הַטּוֹב בְּהַדִּבּוּר?**" ווי אזוי קען א מענטש זוכה זיין צו רעדן פאזעטיוו, צו רעדן איינגענעמע ווערטער, אז מענטשן זאלן אים אויסהערן און אננעמען וואס ער זאגט? "**הוּא עַל יְדֵי שֶׁלּוֹקְחִין הַדִּבּוּר מֵהַדַּעַת, אֲזַי יֵשׁ בּוֹ טוֹב, אֲבָל כְּשֶׁהַדִּבּוּר**

בְּלֹא דַעַת, אֲזַי אֵין בּוֹ טוֹב", אז מען רעדט מיט שכל; ווען מען רעדט שכל'דיגע ווערטער דעמאלט איז דא גוטס אין די ווערטער און אלע נעמען אן וואס ער זאגט, אבער אז נישט זענען די ווערטער נישט גוט, "וּלְהָקִים וּלְרוֹמֵם אֶת הַדַּעַת, הוּא עַל יְדֵי שֶׁבַח הַצַּדִּיקִים, כְּשֶׁמְּשַׁבְּחִין וּמְפָאֲרִין אֶת הַצַּדִּיקִים, עַל יְדֵי זֶה נִתְרוֹמֵם הַדַּעַת", און דער רבי ענדיגט: ווי אזוי קומט מען צו האבן שכל? אז מען רעדט פון דאס גרויסקייט פון צדיקים.

## דער רבי רעדט דאך צו מיר

הערנדיג די תורה האט דער איד געטראכט צו זיך: איין מינוט, דער רבי רעדט דאך צו מיר, דער רבי זאגט דאך: "עַל יְדֵי שְׁבַח הַצַּדִּיקִים, הַדִּבּוּר נִשְׁמַע וְנִתְקַבֵּל", אז מען לויבט די צדיקים ווערט אנגענומען וואס מען זאגט; איז ער זייער נתעורר געווארן און ער האט געטראכט צו זיך: 'דאס דארף איך דאך יעצט, אז מיינע רייד זאלן ווערן אנגענומען ביי די פריצים, אזוי וועל איך געראטעוועט ווערן פון אלע צרות און נאך ארויס גיין מיט א גרויסע ריווח'.

## מען האט אים אויסגעהערט

ער האט ביי זיך אפ געמאכט אז דאס גייט ער טון; תיכף מוצאי יום טוב האט ער זיך ארויס געלאזט אויפן וועג קיין וויניצע צו די פריצים, און א גאנצע וועג האט ער נאר גערעדט בשבח הצדיקים, סיי פאר'ן בעל עגלה האט ער במשך די גאנצע וועג דערציילט פון הייליגן רבי'ן, און סיי ווען מען איז אנגעקומען קיין וויניצע האט ער פאר יעדן איינעם פארציילט פון רבי'ן, אזוי אויך דארט וואו ער איז איינגעשטאנען האט ער גערעדט בשבח הצדיקים. און פלאי פלאים, ווען ער איז אנגעקומען צו די פריצים און פארגעלייגט זיינע טענות האט מען אים אויסגעהערט און אים געגעבן גרויס כבוד, ער איז געראטעוועט געווארן פון די סכנה און

איז אהיים מיט א גרויסן ריווח. דער איד איז געקומען צו פארן צום רבי'ן אויף שבועות כדי צו רעדן פריוואט מיטן רבי'ן אויף זיין צרה, למעשה איז ער אהיים געפארן אן רעדן מיטן רבי'ן ווייל ער האט פארשטאנען אז דער רבי מיינט אים ביי די תורה.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריין אין א שמועס איבער עטליכע הנהגות פאר א בית המדרש 'היכל הקודש'. און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט:

דא אין ירושלים האב איך ממנה געווען גבאים - זיי פירן דעם שול אזוי ווי מוהרא"ש האט געוואלט, אויב איינער האט עפעס וואס צו זאגן - קען ער מיר שרייבן, אבער קיינער זאל זיך נישט מישן ווי אזוי צו פירן דעם שול. איך וויל נישט אונזער שול זאל אויסקוקן ווי ביי די הפקר'דיגע ברסלב'ע שולן וואו קיינער טאר נישט זאגן, דער שול אין ירושלים וועלן מיר פירן אזוי ווי מוהרא"ש האט דאס אוועקגעשטעלט, עס מוז זיין דרך ארץ; אלע מתפללים און בחורים זאלן זיך צושטעלן לויט ווי די גבאים פירן די שול, אויב איז דא וואס צו פאררעכטן, אויב איז דא וואס איז נישט גוט - קען מען מיר שרייבן.

## דרך ארץ

רבי לוי יצחק זכרונו לברכה האט געזאגט פאר מוהרא"ש: "אין 'שול' קען איך נישט רעדן פון רבי'ן, ווייל עס איז נישט דא דארט קיין דרך ארץ, עס הערשט דארט אן הפקירות"; אן קיין דרך ארץ איז גארנישט דא.

## מחלוקת פון אינעווייניג

מוהרא"ש זכרונו לברכה האט געזאגט: "ווען נישט די מחלוקת פון אינעווייניג צווישן אנשי שלומינו וואלטן שוין פילע מענטשן מקורב

געוואַרן **צום רבי'ן"**; די מחלוקת פון מענטשן פון אינדרויסן – איז גאַרנישט, עס איז אַזוי ווי הונט וואָס בילן אין גאַס, וועם גייט עס אָן? אָבער אַז די מחלוקת איז אינעווייניג – איז אַ פּראָבלעם.

## אַן אחריות'דיגע אַרבעט

צו זיין גבאי אין בית המדרש איז אַ מורא'דיגע אחריות'דיגע אַרבעט, דער גבאי דאַרף אַכטונג געבן אויפ'ן בית המדרש עס זאָל זיך פירן גוט. הפצה איז אַ זאַך וואָס יעדער קען טון, אָבער צו זיין אַ גבאי דאַרף מען שוין וויסן ווי אַזוי צו פירן וכו'.

דערנאָך איז דער ראש ישיבה שליט"א אַריין אין אַ שמועס איבער ראש השנה אין אומאַן. און דער ראש ישיבה שליט"א האָט געזאָגט:

מען דאַרף יעדן טאָג בעטן דעם אייבערשטן אַז מען זאָל זוכה זיין צו זיין ראש השנה ביים רבי'ן. יעצט קען איך נאָך רעדן פון דעם, אָבער ווען עס קומט נענטער צו ראש השנה, חודש אלול, זענען דאָ מענטשן וואָס זיי קענען דאָס נישט הערן; אַ גאַנץ יאָר הערן זיי 'קול ברסלב', אָבער פאַר ראש השנה הערן זיי מער נישט, ווייל עס שטערט זיי ווי מען רעדט אַזוי שטאַרק פון אומאַן און זיי שפּירן אַז זיי קענען נישט פאָרן. אָבער יעצט אַז עס איז נאָך פאַרליבן צען חדשים ביז ראש השנה איז נאָך קיינער נישט אויפגעגעבן פון אומאַן, יעדער איז נאָך מתפלל זיין. און אַז מען בעט יעדן טאָג דעם אייבערשטן: **"הייליגער באַשעפער העלף מיר איך זאָל זוכה זיין צו זיין ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן"**, וועט מען זוכה זיין צו קומען צום רבי'ן, ישועת ה' כהרף עין.

## וואָס האָב איך מיט יענעם?!

אַ מענטש וואָס איז קלוג קוקט אויף זיך, און קוקט נישט אויף אַנדערע מענטשן. אַז מען וויל קומען צום הייליגן רבינ'ס ראש השנה

אין אומאן און די ׳ווייב׳ וויל נישט - איז דאס א פראבלעם, ווייל ביים רבי׳ן איז געווען שלום בית זייער א וויכטיגער יסוד, מען האט נישט געקענט קומען צום רבי׳ן נאר אז מען האט זיך פארטראגן אין שטוב, דערפאר דארף מען טראכטן וואס צו טון; אבער אויף אנדערע מענטשן טאר מען זיכער נישט קוקן, ׳וואס וועט מען זאגן אויף מיר אז איך פאר קיין אומאן׳... איך קוק אויף מיר, וואס האב איך מיט יענעם?!

## איך האב אויך מניעות

איינמאל פאר ראש השנה האט מיין שכן מיר געפרעגט: ״נו, מען גרייט זיך שוין צו פארן צום רבי׳ן?״ עס האט מיר אויסגעזען ווי ער האט שייכות מיט׳ן רבי׳ן, האב איך אים געפרעגט: ״אז דו האסט א געפיל צום רבי׳ן, פארוואס פארסטו נישט קיין אומאן?״ ענטפערט ער מיר: ״איך קען נישט פארן, איך האב מניעות!״ האב איך אים געענטפערט: ״איך האב אויך מניעות, איך קען אויך נישט פארן, נאר איך בעט דעם אייבערשטן, און אזוי קום איך אן צום רבי׳ן״.

## סהדי במרומים

און דער ראש ישיבה שליט״א האט צוגעענדיגט: ׳סהדי במרומים׳ (לשון מוהרא״ש בהקדמת ספרו הקדוש זאת התורה), אז נעכטן ביים באטע האב איך נישט געוואוסט וואס צו רעדן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל וויסן וואס צו רעדן, און נישט ארויסגיין מיט בושות, האט דער אייבערשטער מיר אריין געלייגט אין מויל שיינע התחזקות, און נאכ׳ן באטע זענען צוגעקומען עטליכע פרישע מקורבים זיך באדאנקן, איינער האט זיך באדאנקט פאר׳ן רעדן ספעציעל פון דעם נושא פון ׳טערעפי׳, ווייל פונקט לעצטנס גייט ער אריבער עפעס מיט זיין זון, וואס די דיבורים האבן אים דערלאכטן זיינע אויגן, ער זאל וויסן וואס צו טון, א צווייטער האט זיך באדאנקט אויף א אנדערע נקודה א.א.וו.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.